גליון
# בת עין
דבר השווה לכל נפש

אידיש

גליון סג • שנה ב
יום כיפור
תשפ"ד

## פארווארט

הרה"ק ר' איציקל פון פשעווארסק זצ"ל האט פארציילט די קומענדיגע מעשה וואס ער האט אליין געהערט פון ציעשנובער רב זצ"ל וואס ער האט עס געהערט פון שיניאווער רב זצ"ל וואס האט עס געהערט פון זיין טאטען דער הייליגער צאנזער רב זצ"ל וואס האט עס געהערט פון הרה"ק מראפשיץ זצ"ל וואס האט עס געהערט פון זיין הרה"ק דער חוזה פון לובלין וואס האט עס געהערט פון זיין רבין דער הייליגער נועם אלימלך זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל וואס האט עס געהערט פון זיין רבין דער מגיד פון מעזריטש זי"ע

איינמאל האט דער מגיד פון מעזריטש געבעטן פון הימל אז ער וויל זעהן ווער עס גייט זיין שכן אין גן עדן, האט מען אים געוויזן עפעס א פאסטאך אין א ווייטער שטאדט, איז דער מגיד אהין געפארן און ער האט געטראפן דעם פאסטאך ביי א פעלד וואס האט א קליינע טייך און ער שפרינגט אהין און צוריק און ביי יעדע שפרונג שרייט ער 'טמא – טמא'

האט אים דער מגיד געפרעגט וואס איז פשט דערפון? האט דער פאסטאך אים געזאגט אז ער ווייסט נישט גארנישט, און ער וויל טאהן א נחת רוח פארן באשעפער און אזוי ווי ער קען נאר די ווארט 'טמא' זאגט ער עס א גאנצן טאג.

עס האט זייער באנק געטאהן דעם מגיד פארוואס ער זאגט כאטש נישט א אנדערע שענערע ווארט, און ער האט אויסגעלערנט דעם פאסטאך צו זאגן די ווארט 'טהור', דער פאסטאך וואס איז ליידער געווען זייער אומוויסענדיג זיך נישט געקענט אויסלערנען די נייע ווארט 'טהור', און איז נעבעך געווארן צומישט צווישן 'טהור' און טמא', און אזוי האט ער גיכט געקענט מער זאגן קיין איין ווארט נישט 'טהור' און נישט 'טמא'.

דער מגיד האט גלייך געזען אז אין הימל פעלט שוין די נחת רוח פונעם פאסטאך און גלייך האט אים דער מגיד צוריקגעגעבן רשות ער זאל צוריק אנהייבן זאגן די ווארט 'טמא', ווייל ער האט געזען די גרויסע נחת רוח וואס דער פאסטאך האט געמאכט אין הימל מיט זיין זאגן די ווארט 'טמא' און נישט געוואלט עס זאל חס ושלום אפגעשטעלט ווערן.

אין די קומענדיגע תורה גייט דער בת עין מאריך זיין אין די גרויסקייט פון הייליגע אותיות פון תורה ותפלה און ווי אזוי אונז קענען בעטן צו זוכה זיין דערצו. (מרשימת אבי מורי שליט"א מוצ"ש משפטים בסעודת מלוה מלכה בעיר דאוואס). זכרנו לחיים מלך חפץ בחיים וכתבנו וחתמנו בספר בחיים.

## דְּרוּשׁ לְיוֹם כִּפּוּר

### תוכן הדרוש

[א]

לשון הפסוק. / א דיוק אינם פסוק לִפְנֵי ד'. / א דיוק אין די תפלות פון זָכְרֵנוּ וְכָתְבֵנוּ לְחַיִּים און וְחָתְמֵנוּ לְחַיִּים.

[ב]

די באשאפונג פונעם וועלט מיט די רוחניות'דיגע אותיות. / די אותיות הקדושות זענען מעורר א מענטש.

[ג]

צוליב די פגם הלשון זעהט מען נישט די אור הקדוש אין די אותיות. / די תיקון פון וידוי אויף די פגם הלשון. / די תפילה פון וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים. / צוויי מדריגות אין די אורות פון די אותיות הקדושים די כְּתִיבָה און חֲתִימָה.

[ד]

די בקשה פון כתבנו לחיים. / די בקשה פון תפילת נעילה חָתְמֵנוּ לְחַיִּים.

[א]

### לשון הפסוק

**כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם וְגוֹ' לִפְנֵי ד' תִּטְהָרוּ**[א] (ויקרא טז, ל) ווייל אין דעם טאג וועט דער כהן בעטן פאר א פארגעבונג פאר ענק אייך צו רייניגן פון אלע אייערע זינד - פארן באשעפער זאל איר זיך רייניגן.

**דְּרוּשׁ לְיוֹם כִּפּוּר**
**כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם וְגוֹ' לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ** (ויקרא טז, ל).

א. די לשון הפסוק איז: כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם **לִפְנֵי ד'** תִּטְהָרוּ.

**גליון זה נתנדב ע"י**
הרה"ח ר' **שמואל דוד טויב** שליט"א
לזכות הב' הח' **יחיאל אלטער** בן **רייזיל** - להצלחה ולזיווג הגון בקרוב
ולע"נ הרה"ק ר' **אברהם דוב בער** ב"ר **דוד** מאווריטש **בעל מחבר ספר בת עין** זי"ע
ולע"נ הרה"ק ר' **ישעי'** ב"ר **משה** זי"ע
ולע"נ הרה"צ ר' **עמרם** ב"ר **שמואל דוד** זצ"ל
ולע"נ **אברהם מאיר** ב"ר **יהודה** ע"ה

## א דיוק אינם פסוק לִפְנֵי ד'

לְהָבִין מַהוּ 'לִפְנֵי ה'' דַּוְקָא מען דארף פארשטיין וואס די תורה מיינט דא עקסטער מיטן זאגן 'לִפְנֵי ה'' – פארן אייבערשטן.

## א דיוק אין די תפלות פון זָכְרֵנוּ וְכָתְבֵנוּ לְחַיִּים און וְחָתְמֵנוּ לְחַיִּים

**גַּם לְהָבִין מַה זֶה שֶׁאֲנַחְנוּ מִתְפַּלְּלִים כָּל עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זָכְרֵנוּ וְכָתְבֵנוּ לְחַיִּים** אויך דארפן אונז פארשטיין וואס אונז דאווענען א גאנצע עשרת ימי תשובה די תפלה פון זָכְרֵנוּ וְכָתְבֵנוּ לְחַיִּים, **וּבַסּוֹף שֶׁהוּא תְּפִילַּת נְעִילָה אָנוּ מִתְפַּלְּלִים וְחָתְמֵנוּ לְחַיִּים** און צום סוף ביי די תפילת נעילה טוישט מען די נוסח און מען זאגט וְחָתְמֵנוּ לְחַיִּים, **מַה הִיא הַכְּתִיבָה וּמַה הִיא הַחֲתִימָה** וואס איז די 'כתיבה' און וואס די 'חתימה', **וְכִי עֵדִים צְרִיכִים לַחְתּוֹם הַשְּׁטָר** איז דען דאס ווי א שטר וואס עדות דארפן אונטערשרייבן אויף דעם אז ס'ווערט אנגערופן א חֲתִימָה.

**וְעוֹד** און נאך דארפן אונז פארשטיין, **הֲלֹא אִם הַכְּתִיבָה הִיא לְחַיִּים** אז אויב די כְּתִיבָה איז לְחַיִּים, **מִמֵּילָא גַּם הַחֲתִימָה הוּא עַל מַה שֶּׁמְּבוֹאָר בַּכְּתִיבָה לְחַיִּים** איז דאך פארשטענדליך אז אויך די חתימה איז אויף וואס עס שטייט אינעם שטר לְחַיִּים.

לְהָבִין מַהוּ 'לִפְנֵי ה'' דַּוְקָא.

גַּם לְהָבִין מַה זֶה שֶׁאֲנַחְנוּ מִתְפַּלְּלִים כָּל עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זָכְרֵנוּ וְכָתְבֵנוּ לְחַיִּים, וּבַסּוֹף שֶׁהוּא תְּפִילַּת נְעִילָה אָנוּ מִתְפַּלְּלִים וְחָתְמֵנוּ לְחַיִּים, מַה הִיא הַכְּתִיבָה וּמַה הִיא הַחֲתִימָה, וְכִי עֵדִים צְרִיכִים לַחְתּוֹם הַשְּׁטָר.

וְעוֹד הֲלֹא אִם הַכְּתִיבָה הִיא לְחַיִּים מִמֵּילָא גַּם הַחֲתִימָה הוּא עַל מַה שֶּׁמְּבוֹאָר בַּכְּתִיבָה לְחַיִּים.

וּלְהָבִין זֶה, הִנֵּה יָדוּעַ שֶׁכָּל הָעוֹלָמוֹת וְכָל הַבְּרוּאִים נִבְרְאוּ בְּצֵרוּפֵי אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה, כְּמַאֲמַר (זח"ב דף קסא.) קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִסְתַּכֵּל בְּאוֹרַיְיתָא וּבָרָא עָלְמָא, וּכְמַאֲמַר הַכָּתוּב (בראשית ב, כ) 'וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁמוֹת וְגוֹ' וּלְכֹל חַיַּת הַשָּׂדֶה' וְגוֹ', וּפֵירְשׁוּ מְפָרְשֵׁי הַתּוֹרָה[א] שֶׁקָּרָא לְכָל נִבְרָא שֵׁם שֶׁהוּא הַצֵּירוּף שֶׁבּוֹ נִבְרָא אוֹתָהּ הַבְּרִיאָה[ב].

א. ראה בשל"ה הקדוש תולדות אדם בית אחרון אות יד: וזה היה חכמת אדם הראשון אשר קרא שמות לכל דבר כדי שיוכר על ידי השם ההוא, עד שנאמר שהיתה מעלתו בזה גדולה ממלאכי השרת, כי ברוח הקודש שעליו בנה אותיות ומלות מיוחסות עם הדבור הפנימיי, בשביל שהשמות ההם יורו על שורש הדבר ההוא. וכאילו נאמר שבידיעת התחתונים ידע סוד המרכבות העליונות, כי כל נברא מטה יש לו שורש למעלה, שאם לא כן איך מתקשרים חלקי העולם הזה אם אין ליסודות שורש למעלה, ואם אין לנבראים שורש למעלה איך מתפשט ההשפעה וההשגחה מאדון הכל בהם. וזאת היתה חכמה נפלאה, כי השיג מקור ושורש כל דבר וכנהו בשם ההוא והוא שמו ודאי.

ב. הובא כמה פעמים בדברי רבינו ראה לעיל בפר' ויחי ד"ה וישם את אפרים בשם הרב הצדיק מנאראדיץ [רבי ליב הכהן מאניפאלי], ובפר' יתרו ד"ה ועתה אם שמוע תשמעו, ובדרוש לפ' מטו"מ. ובחומש היכל הברכה (בראשית דף נד ע"א) הובא זה בשם הבעש"ט.

[ב]

## די באשאפונג פונעם וועלט מיט די רוחניות'דיגע אותיות

**וּלְהָבִין זֶה** און צו פארשטיין דאס אלעס.

**הִנֵּה יָדוּעַ שֶׁכָּל הָעוֹלָמוֹת וְכָל הַבְּרוּאִים נִבְרְאוּ בְּצֵרוּפֵי אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה** ס'איז באקאנט אז אלע וועלטן און אלע באשעפעניש זענען באשאפן מיט די אותיות התורה, **כְּמַאֲמַר** (זח"ב דף קסא.) **קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִסְתַּכֵּל בְּאוֹרַיְיתָא וּבָרָא עָלְמָא** אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש 'אז דער אייבישטער האט אריינגעקוקט אין די תורה און באשאפן די וועלט', **וּכְמַאֲמַר הַכָּתוּב** (בראשית ב, כ) **וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁמוֹת וְגוֹ' וּלְכֹל חַיַּת הַשָּׂדֶה**[ב] **וְגוֹ'** און אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'און אדם האט גערופן נעמען צו אלע בהמות (וְגוֹ') און צו אלע חיות פון די פעלד', **וּפֵירְשׁוּ מְפָרְשֵׁי הַתּוֹרָה**[ג] **שֶׁקָּרָא לְכָל נִבְרָא שֵׁם שֶׁהוּא הַצֵּירוּף שֶׁבּוֹ נִבְרָא אוֹתָהּ הַבְּרִיאָה**[ד] און די מפרשי התורה האבן ערקלערט די פסוק אז אדם הראשון האט גערופן פאר יעדע באשעפעניש די נאמען וואס איז די צירוף מיט וואס די באשעפעניש איז באשאפן געווארן.

ב. די לשון הפסוק איז: **וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁמוֹת לְכָל הַבְּהֵמָה וּלְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְכֹל חַיַּת הַשָּׂדֶה** וּלְאָדָם לֹא מָצָא עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ.

ג. ראה בשל"ה הקדוש תולדות אדם בית אחרון אות יד: וזה היה חכמת אדם הראשון אשר קרא שמות לכל דבר כדי שיוכר על ידי השם ההוא, עד שנאמר שהיתה מעלתו בזה גדולה ממלאכי השרת, כי ברוח הקודש שעליו בנה אותיות ומלות מיוחסות עם הדבור הפנימיי, בשביל שהשמות ההם יורו על שורש הדבר ההוא. וכאילו נאמר שבידיעת התחתונים ידע סוד המרכבות העליונות, כי כל נברא מטה יש לו שורש למעלה, שאם לא כן איך מתקשרים חלקי העולם הזה אם אין ליסודות שורש למעלה, ואם אין לנבראים שורש למעלה איך מתפשט ההשפעה וההשגחה מאדון הכל בהם. וזאת היתה חכמה נפלאה, כי השיג מקור ושורש כל דבר וכנהו בשם ההוא והוא שמו ודאי.

ד. די ווארט ווערט געברענגט עטליכע מאל אינעם ספר בת עין: אין פר' ויחי ד"ה וישם את אפרים אין נאמען פון הרב הצדיק מנאראדיץ [רבי ליב הכהן מאניפאלי], און אין פר' יתרו ד"ה ועתה אם שמוע תשמעו, און אין די דרוש לפ' מטו"מ. און אין חומש היכל הברכה (בראשית דף נד ע"א) ווערט די ווארט געברענגט בשם הבעש"ט.

וְהָעִנְיָן הוּא, כִּי הָאוֹתִיּוֹת הֵמָּה כֵּלִים לְאוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים שֶׁנִּשְׁתַּלְשְׁלוּ מֵעִילָּה לְעָלוּל עַד סוֹף כָּל דַּרְגִּין, עַד שֶׁנִּתְלַבְּשׁוּ בְּאוֹתִיּוֹת גַּשְׁמִיִּים בַּתּוֹרָה בִּדְיוֹ עַל הַקְּלָף[ג].

אִם כֵּן מִי שֶׁיֵּשׁ שֵׂכֶל לוֹ לְהִתְבּוֹנֵן אֵיךְ שֶׁהָאוֹרוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָעֶלְיוֹנִים שֶׁהֵם חַיִּים בְּמַאֲמַר ה' הַגְּנוּזִ בְּתוֹכָם, בְּוַדַּאי כְּשֶׁמּוֹצִיא מִפִּיו הַתֵּיבָה הַקְּדוֹשָׁה בְּאוֹר אֱלֹהִי הַנֶּעֱלָם בְּתוֹךְ הַתֵּיבָה הַהוּא, צָרִיךְ לְהִתְחַלְחֵל בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה וּבְרַעַד מִגְּדוּלַּת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא.

וּכְמַאֲמַר הַכָּתוּב (ירמיה ה, כב) 'הַאוֹתִי לֹא תִירָאוּ', רְצוֹנוֹ לוֹמַר הַמִּפְּנֵי אוֹתִיּוֹת שֶׁלִּי לֹא תִירְאוּ כַּנַּ"ל[ד].

רַק שֶׁעֲוֹנוֹתֵינוּ גָרְמוּ שֶׁפָּגַמְנוּ בְּאוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים, וְחַטֹּאתֵינוּ הִבְדִּילוּ בֵּינֵינוּ לְבֵין אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם וְלֹא מַגִּיעַ לָנוּ שׁוּם יִרְאָה וּבוֹשֶׁת מִזֶּה.

ג. עיין פרדס רמונים שער כז פ"ב: וזהו שדקדקו רז"ל בביאור מציאות צורת האותיות וקוציהם ותגיהם וזיוניהם, לפי שהם רומזים אל רוחניות ידוע אל הספירות עליונות, וכל אות ואות יש להם צורה רוחניות ומאור נכבד אצול מעצם הספירות, משתלשל ממדרגה למדרגה כדרך השתלשלות הספירות. והנה האות היכל ומכון לרוחניות ההוא, ובהיות האדם מזכיר ומניע אות מהאותיות, בהכרח יתעורר הרוחניות ההוא, והבל הפה ממנו יתהוו צורות קדושות יתעלו ויתקשרו בשרשם שהם שרש האצילות. ולא זה בלבד אלא גם במציאותם, רצה לומר בכתיבתם, להם רוחניות שורה על האותיות ההם, וזה טעם קדושת ספר תורה.

ד. ראה עוד דברי רבינו בפרשת בלק ד"ה או יאמר וירא בלק: כי נודע שעיקר בריאת שמים וארץ היה בכ"ב אותיות התורה וכמאמר הכתוב (תהלים לג, ו) 'בדבר ה' שמים נעשו', וכמאמר הכתוב (משלי ח, ל) 'ואהיה אצלו אמון' אל תקרי אמון אלא אומן, כמאמר הזוהר הקדוש באורייתא ברא קוב"ה עלמא ובאורייתא מתנהג עלמא, היינו בכ"ב אותיות התורה שהם נכללים בה' מוצאות הפה וכו', אך העיקר הוא שלא להפריד ח"ו דבוריו ופיו ומחשבתו מהקדושה, כי זה הוא עיקר שלימות האדם להיות מחשבתו דבוקה בה' תמיד כו'. ולזה כיוון הכתוב (ירמיה ה, כב) 'האותי לא תיראו', היינו שצריך לירא ולפחוד מהאותיות הקדושות שלא להפרידם ח"ו מבחינת הקדושה.

**וְהָעִנְיָן הוּא** און די פשט און די זאך איז, **כִּי הָאוֹתִיּוֹת הֵמָּה כֵּלִים לְאוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים שֶׁנִּשְׁתַּלְשְׁלוּ מֵעִילָּה לְעָלוּל עַד סוֹף כָּל דַּרְגִּין** ווייל די אותיות זענען די 'כלים' צו אריינעמען אין זיך און אראפברענגען די הימלישע 'אורות' (ליכטיגקייטן) וואס קומט אראפ פון אויבן ביז אונטן אראפ אויף די וועלט צו די ענד פון אלע מדריגות (וואס מיינט צו די קלענסטע באשעפעניש), **עַד שֶׁנִּתְלַבְּשׁוּ בְּאוֹתִיּוֹת גַּשְׁמִיִּים בַּתּוֹרָה בִּדְיוֹ עַל הַקְּלָף**[ה] ביז די 'אורות' ווערן אויסגעמאלן אין די וועלט מיט 'אותיות' מיט טינט אויף פארמעט.

## די אותיות הקדושות זענען מעורר א מענטש

**אִם כֵּן מִי שֶׁיֵּשׁ שֵׂכֶל לוֹ לְהִתְבּוֹנֵן אֵיךְ שֶׁהָאוֹרוֹת הַקְּדוֹשִׁים הָעֶלְיוֹנִים שֶׁהֵם חַיִּים בְּמַאֲמַר ה' הַגְּנוּזִ בְּתוֹכָם** אויב אזוי ווער עס האט נאר רוחניות'דיגע אויגן צו פארשטיין ווי אזוי די העכערע הייליגע אורות וואס זיי לעבן מיטן באשעפער'ס ווארט וואס איז באהאלטן אין זיי, **בְּוַדַּאי כְּשֶׁמּוֹצִיא מִפִּיו הַתֵּיבָה הַקְּדוֹשָׁה בְּאוֹר אֱלֹהִי הַנֶּעֱלָם בְּתוֹךְ הַתֵּיבָה הַהוּא** איז אוודאי ווען ער זאגט ארויס פון זיין מויל די הייליגע ווערטער מיט די הייליגע 'אור' וואס איז באהאלטן אין די ווארט, **צָרִיךְ לְהִתְחַלְחֵל בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה וּבְרַעַד מִגְּדוּלַּת הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** וואלט ער געדארפט אויפציטערן מיט א ציטער און א יראה און א טרייסל פאר דעם באשעפער'ס - געבענטשט זאל זיין די נאמען - גרויסקייט.

**וּכְמַאֲמַר הַכָּתוּב** (ירמיה ה, כב) **'הַאוֹתִי לֹא תִירָאוּ'** און אזוי ווי די פסוק זאגט 'וועט עטס דען נישט מורא האבן פון מיר?', **רְצוֹנוֹ לוֹמַר הַמִּפְּנֵי אוֹתִיּוֹת שֶׁלִּי לֹא תִירְאוּ כַּנַּ"ל**[ו] די פסוק נוצט די לשון האותי דאס מיינט צו זאגן צו פון מיינע אותיות וועטס עטס נישט מורא האבן?.

[ג]

## צוליב די פגם הלשון זעהט מען נישט די אור הקדוש אין די אותיות

**רַק שֶׁעֲוֹנוֹתֵינוּ גָרְמוּ שֶׁפָּגַמְנוּ בְּאוֹרוֹת עֶלְיוֹנִים** נאר אונזערע עבירות האבן צוגעברענגט אז אונז האבן שאדן געמאכט אין אונזערע באהעפטונג מיט די הימלישע און העכערע 'אורות' (ליכטיגקייטן), **וְחַטֹּאתֵינוּ הִבְדִּילוּ בֵּינֵינוּ לְבֵין אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם** און אונזערע זינד האבן אפגעשיידט צווישן אונז און אונזער טאטן אין הימל, **וְלֹא מַגִּיעַ לָנוּ שׁוּם יִרְאָה וּבוֹשֶׁת מִזֶּה** און ס'קומט אונז נישט קיין שום 'בושה' און 'יראה' ווען אונז נוצן און רעדן די הייליגע אותיות.

ה. עיין פרדס רמונים שער כז פ"ב: וזהו שדקדקו רז"ל בביאור מציאות צורת האותיות וקוציהם ותגיהם וזיוניהם, לפי שהם רומזים אל רוחניות ידוע אל הספירות עליונות, וכל אות ואות יש להם צורה רוחניות ומאור נכבד אצול מעצם הספירות, משתלשל ממדרגה למדרגה כדרך השתלשלות הספירות. והנה האות היכל ומכון לרוחניות ההוא, ובהיות האדם מזכיר ומניע אות מהאותיות, בהכרח יתעורר הרוחניות ההוא, והבל הפה ממנו יתהוו צורות קדושות יתעלו ויתקשרו בשרשם שהם שרש האצילות. ולא זה בלבד אלא גם במציאותם, רצה לומר בכתיבתם, להם רוחניות שורה על האותיות ההם, וזה טעם קדושת ספר תורה.

ו. די ווארט **'הַאוֹתִי'** איז אויך מרמז אויף אותיות. ראה עוד דברי רבינו בפרשת בלק ד"ה או יאמר וירא בלק: כי נודע שעיקר בריאת שמים וארץ היה בכ"ב אותיות התורה וכמאמר הכתוב (תהלים לג, ו) 'בדבר ה' שמים נעשו', וכמאמר הכתוב (משלי ח, ל) 'ואהיה אצלו אמון' אל תקרי אמון אלא אומן, כמאמר הזוהר הקדוש באורייתא ברא קוב"ה עלמא ובאורייתא מתנהג עלמא, היינו בכ"ב אותיות התורה שהם נכללים בה' מוצאות הפה וכו', אך העיקר הוא שלא להפריד ח"ו דבוריו ופיו ומחשבתו מהקדושה, כי זה הוא עיקר שלימות האדם להיות מחשבתו דבוקה בה' תמיד כו'. ולזה כיוון הכתוב (ירמיה ה, כב) 'האותי לא תיראו', היינו שצריך לירא ולפחוד מהאותיות הקדושות שלא להפרידם ח"ו מבחינת הקדושה.

וּבִפְרָט בַּעֲוֹן הַפֶּה וְהַלָּשׁוֹן שֶׁפָּגַמְנוּ בָּאוֹתִיּוֹת הַקְּדוֹשִׁים בְּדִבּוּר שֶׁל לָשׁוֹן הָרָע וּרְכִילוּת וְשֶׁקֶר, וּשְׁאָר דִּיבּוּרִים אֲשֶׁר לֹא לַה' הֵמָּה, וּבְדִבּוּרֵינוּ בְּאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה וּתְפִלָּה בְּלִי כַּוָּונָה לַה' כָּרָאוּי, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה נִסְתַּר מֵאִתָּנוּ אוֹר ה' הַגָּנוּז בְּתוֹךְ הָאוֹתִיּוֹת הַקְּדוֹשִׁים.

וְזֶהוּ נִקְרָא שְׁבִירַת הַכֵּלִים, שֶׁאוֹרוֹת הָעֶלְיוֹנִים אֵינָם מְאִירִים בַּכֵּלִים שֶׁלָּהֶם שֶׁהֵם הָאוֹתִיּוֹת[ה].

וּבַעֲבוּר זֹאת נִתְקְנוּ כָּל הַוִּידּוּיִם עַל סֵדֶר הָא"ב, בִּכְדֵי לְתַקֵּן כָּל הָאוֹתִיּוֹת שֶׁל הָא"ב כּוּלָּם[ו].

וְגַם אָנוּ אוֹמְרִים אַחַר הַוִּדּוּי 'אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ', פֵּירוּשׁ אֲבוֹתֵינוּ הֵם א"ב הַנִּקְרָא אָבוֹת, חָטָאנוּ מִלְּשׁוֹן פְּגַם וְחִסָּרוֹן[ז], פֵּירוּשׁ שֶׁחָסַרְנוּ עַל יְדֵי עֲוֹנוֹתֵינוּ הַבְּחִינַת אָבוֹ"ת בְּחִינַת א"ב.

גַּם אֲנַחְנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים (ברכת עבודה דשמו"ע) וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים, רְצוֹנוֹ לוֹמַר צִיּוֹן הוּא מִלְּשׁוֹן אוֹת, וּמְבַקְשִׁים אֲנַחְנוּ שֶׁיָּשׁוּב שְׁכִינָתוֹ הָאוֹרוֹת הַקְּדוֹשִׁים לְהָאוֹתִיּוֹת הַנִּקְרָאִים 'צִיּוֹן', שֶׁיִּתְמַלֵּא הָאוֹר הַקָּדוֹשׁ.

ה. ראה לקוטי תורה (להאריז"ל) ריש פרשת בראשית: וזהו 'הארץ היה תוהו ובוהו' שהוא שבירת הכלים, 'ורוח אלהים מרחפת על פני המים' שהוא החיות שלא היו הכלים יכולים לקבל.

ו. ראה בספר עשרה מאמרות מאמר חקור דין ח"א פ"ג: ולפי שהחוטא מאבד את העולם שנברא באותיות התורה, נתקן הודוי באלפא בית"א.

ז. ע"פ מלכים א א, כא: 'והייתי אני ובני שלמה חטאים'. וברש"י שם: חטאים - חסרים ומנועין מן הגדולה.

**וּבִפְרָט בַּעֲוֹן הַפֶּה וְהַלָּשׁוֹן שֶׁפָּגַמְנוּ בָּאוֹתִיּוֹת הַקְּדוֹשִׁים בְּדִבּוּר שֶׁל לָשׁוֹן הָרָע וּרְכִילוּת וְשֶׁקֶר** און ספעציעל געשעט דאס דורך אונזער זינד וואס אונז זינדיגן מיט די מויל און צונג וואס אונז האבן געזינדיגט אין די הייליגע אותיות דורכן רעדן לשון הרע און רכילות און ליגענט, **וּשְׁאָר דִּיבּוּרִים אֲשֶׁר לֹא לַה' הֵמָּה** און דורך אנדערע רייד וואס איז נישט געווען פארן באשעפער'ס ווילן, **וּבְדִבּוּרֵינוּ בְּאוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה וּתְפִלָּה בְּלִי כַּוָּונָה לַה' כָּרָאוּי** און דורך וואס אונז האבן מיט די אותיות התורה געלערנט און געדאווענט אן די ריכטיגע כוונה פארן באשעפער, **וּמֵחֲמַת כָּל זֶה נִסְתַּר מֵאִתָּנוּ אוֹר ה' הַגָּנוּז בְּתוֹךְ הָאוֹתִיּוֹת הַקְּדוֹשִׁים** און וועגן דאס אלעס איז באהאלטן געווארן פון אונז די 'אור השם' וואס איז באהאלטן אין די הייליגע אותיות.

**וְזֶהוּ נִקְרָא שְׁבִירַת הַכֵּלִים** און דאס איז די בחינה וואס ווערט דערמאנט אין זוהר הק' און אין ספרי קבלה די בחינה פון שְׁבִירַת הַכֵּלִים, **שֶׁאוֹרוֹת הָעֶלְיוֹנִים אֵינָם מְאִירִים בַּכֵּלִים שֶׁלָּהֶם שֶׁהֵם הָאוֹתִיּוֹת** אז די העכערע 'אורות' און ליכטיגקייטן שיינען נישט אין זייערע כלים וואס דאס איז די אותיות.

## די תיקון פון ווידוי אויף די פגם הלשון

**וּבַעֲבוּר זֹאת נִתְקְנוּ כָּל הַוִּידּוּיִם עַל סֵדֶר הָא"ב** און דערפאר האבן חז"ל אויסגעשטעלט אלע 'ווידויים' וואס אונז זאגן לויט די סדר פון די אותיות א"ב, **בִּכְדֵי לְתַקֵּן כָּל הָאוֹתִיּוֹת שֶׁל הָא"ב כּוּלָּם**[ז] כדי דורך אונזער זאגן ווידוי מיט די אותיות פון א"ב וועלן אונז פארעכטן די אותיות פון א"ב וואס אונז האבן פוגם געווען דערין.

**וְגַם אָנוּ אוֹמְרִים אַחַר הַוִּדּוּי 'אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ'** אונז זאגן אויך אין די תפילה נאכן 'ווידוי' די ווערטער 'אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ' – אבער אונז און אונזערע 'אבות' (עלטערן) האבן געזינדיגט, **פֵּירוּשׁ אֲבוֹתֵינוּ הֵם א"ב הַנִּקְרָא אָבוֹת** די טייטש פון אֲבוֹתֵינוּ מיינט די א"ב וואס זיי ווערן אנגערופן מיט די נאמען 'אבות', **חָטָאנוּ מִלְּשׁוֹן פְּגַם וְחִסָּרוֹן**[ח] די ווארט חָטָאנוּ איז פון די שפראך פון א פגם און א פעלער, **פֵּירוּשׁ שֶׁחָסַרְנוּ עַל יְדֵי עֲוֹנוֹתֵינוּ הַבְּחִינַת אָבוֹ"ת בְּחִינַת א"ב** דאס מיינט צו זאגן אז דורך אונזערע זינד פעלן אונז די בחינה פון אָבוֹת וואס מיינט די בחינה פון א"ב

## די תפילה פון וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים

**גַּם אֲנַחְנוּ מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְּלִים** (ברכת עבודה דשמו"ע) **וְתֶחֱזֶינָה עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן בְּרַחֲמִים** אונז דערמאנען אויך ביים דאווענען און אונז בעטן 'און אונזערע אויגן זאלן זעהן ווען דו וועסט זיך צוריקקערן קיין 'ציון' מיט רחמים', **רְצוֹנוֹ לוֹמַר צִיּוֹן הוּא מִלְּשׁוֹן אוֹת**[ט] עס מיינט צו זאגן אז די ווארט 'ציון' מיינט א 'אות', **וּמְבַקְשִׁים אֲנַחְנוּ שֶׁיָּשׁוּב שְׁכִינָתוֹ הָאוֹרוֹת הַקְּדוֹשִׁים לְהָאוֹתִיּוֹת הַנִּקְרָאִים 'צִיּוֹן'** און אונז בעטן אז דער באשעפער זאל צוריקקערן די הייליגע אורות צו די אותיות וואס ווערן אנגערופן 'ציון', **שֶׁיִּתְמַלֵּא הָאוֹר הַקָּדוֹשׁ** אז ס'זאל אנגעפילט ווערן די אותיות הקדושים מיט די הייליגע 'אור'.

ז. און אזוי שטייט אויך אין ספר עשרה מאמרות (מאמר חקור דין ח"א פ"ג): **ולפי שהחוטא מאבד את העולם שנברא באותיות התורה** [ווייל דער מענטש וואס זינדיגט מאכט שאדן פאר די וועלט וואס איז באשאפן געווארן מיט די אותיות התורה], **נתקן הודוי באלפא בית"א** [דערפאר האט מען מתקן געווען די אותיות הוידוי מיט די א"ב].

ח. לויט די פסוק אין מלכים א א, כא: **'והייתי אני ובני שלמה חטאים'**. און רש"י שרייבט דארט: **חטאים - חסרים ומנועין מן הגדולה** [די ווארט חטאים מיינט פעלענדיג און צוריקגעהאלטן פון די גרויסקייט].

ט. די ווארט 'ציון' מיינט א צייכן, און א אות איז א צייכן וואס ווייזט אן אויף עפעס.

וְאָז יִתְפַּקְּחוּ עֵינֵינוּ עֵינֵי הַשֵּׂכֶל וְהַלֵּב לְהָבִין וְלִרְאוֹת גּוֹדֶל הָאוֹר אֱלוֹקִי הַמֵּאִיר בָּאוֹתִיּוֹת בְּלִי הֶסְתֵּר פָּנִים כְּלָל אֲפִילוּ בָּאוֹתִיּוֹת וְתֵיבוֹת שֶׁאֵינָם מִשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים.

כִּי בְּוַדַּאי לְפִי עֵרֶךְ הַחֵטְא וְעָוֹן כָּל כָּךְ מַגִּיעַ הַפְּגָם לְמַעְלָה, הַיְינוּ מִי שֶׁחָטָא הַרְבֵּה וּפָגַם בַּפֶּה וְלָשׁוֹן, נֶעְלָם וְנִסְתָּר מִמֶּנּוּ הָאוֹר הַקָּדוֹשׁ מִכֹּל וָכֹל.

וַאֲפִילוּ בְּאָמְרוֹ שֵׁם מִשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַף עַל פִּי כֵן אֵין מַגִּיעַ לוֹ שׁוּם אוֹר אֱלֹהִי וְאֵימָה מִזֶּה, וְהוּא כְּמוֹ שֶׁמְּדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ.

אֲבָל מִי שֶׁלֹּא פָּגַם כָּל כָּךְ, נִסְתָּר מִמֶּנּוּ הָאוֹר רַק בְּזָכְרוֹ הָאוֹתִיּוֹת וְהַתֵּיבוֹת אֲשֶׁר לֹא מִשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים הֵמָּה, הַנִּקְרָאִים בְּחִינַת כְּתִיבָה.

אֲבָל בְּהַגִּיעוֹ לְהַזְכִּיר הַשֵּׁם הַקָּדוֹשׁ שֶׁנִּקְרָא בְּחִינַת חֲתִימָה כְּמַאֲמַר חֲזַ"ל (ברכות יא.) בְּמָקוֹם שֶׁאָמְרוּ לַחְתּוֹם וְכוּ', פֵּירוּשׁ לַחְתּוֹם בַּשֵּׁם.

וּבְהַגִּיעוֹ לְהַחֲתִימָה הַקְּדוֹשָׁה הַהוּא שֶׁהוּא הַשֵּׁם הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא בָּרוּךְ הוּא, אֲזַי עַל כָּל פָּנִים מֵאִיר עָלָיו אוֹר אֱלֹהִי, וְנִתְמַלֵּא אֵימָה וָפַחַד וְיִרְאָה וְרֶתֶת וְזִיעָה מִפְּנֵי אוֹר ה' הַמֵּאִיר עָלָיו.

וְזֶהוּ שֶׁאָנוּ מְבַקְּשִׁים כָּל עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה 'כָּתְבֵנוּ לְחַיִּים', רְצוֹנוֹ לוֹמַר לְחַיִּים נִצְחִיִּים,

**וְאָז יִתְפַּקְּחוּ עֵינֵינוּ עֵינֵי הַשֵּׂכֶל וְהַלֵּב לְהָבִין וְלִרְאוֹת גּוֹדֶל הָאוֹר אֱלוֹקִי הַמֵּאִיר בָּאוֹתִיּוֹת בְּלִי הֶסְתֵּר פָּנִים כְּלָל** און דעמאלסט וועט געעפענט ווערן אונזערע אויגן – די אויגן פון די שכל און די הארץ – צו פארשטיין און צו זעהן די גרויסקייט פון די געטליכע ליכטיגקייט וואס שיינט אין די אותיות אן קיין שום 'הסתר פנים' אינגאנצן, **אֲפִילוּ בָּאוֹתִיּוֹת וְתֵיבוֹת שֶׁאֵינָם מִשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים** אפילו אין די אותיות און ווערטער וואס זענען נישט פון די שמות הקדושים.

## צוויי מדריגות אין די אורות פון די אותיות הקדושים די כְּתִיבָה און חֲתִימָה

**כִּי בְּוַדַּאי לְפִי עֵרֶךְ הַחֵטְא וְעָוֹן כָּל כָּךְ מַגִּיעַ הַפְּגָם לְמַעְלָה** ווייל פאר זיכער לויט די גרויסקייט פון די עבירה און די זינד קומט אן די פגם אויבן אין הימל, **הַיְינוּ מִי שֶׁחָטָא הַרְבֵּה וּפָגַם בַּפֶּה וְלָשׁוֹן** דאס מיינט ווער עס האט זייער אסאך געזינדיגט און פוגם געווען מיט זיין מויל און שפראך, **נֶעְלָם וְנִסְתָּר מִמֶּנּוּ הָאוֹר הַקָּדוֹשׁ מִכֹּל וָכֹל** ווערט פארהוילן פון אים די הייליגע 'אור' אינגאנצן.

**וַאֲפִילוּ בְּאָמְרוֹ שֵׁם מִשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַף עַל פִּי כֵן אֵין מַגִּיעַ לוֹ שׁוּם אוֹר אֱלֹהִי וְאֵימָה מִזֶּה** און אפילו ווען ער זאגט ארויס א שם פון די הייליגע שמות פון דאס וועגן דאך וועט אים נישט דערגרייכן א געטליכע ליכטיגקייט אדער א ציטער בשעת זאגן די שמות, **וְהוּא כְּמוֹ שֶׁמְּדַבֵּר עִם חֲבֵרוֹ** און עס וועט זיין ביי אים אזוי ווי ער רעדט מיט זיין חבר.

**אֲבָל מִי שֶׁלֹּא פָּגַם כָּל כָּךְ** אבער ווער עס האט נישט אזויפיל פוגם געווען אין די א"ב, **נִסְתָּר מִמֶּנּוּ הָאוֹר רַק בְּזָכְרוֹ הָאוֹתִיּוֹת וְהַתֵּיבוֹת אֲשֶׁר לֹא מִשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים הֵמָּה** פון אים ווערט נאר באהאלטן די 'אור' ווען ער זאגט ארויס די אותיות און די ווערטער וואס זיי זענען נישט די הייליגע שמות, **הַנִּקְרָאִים בְּחִינַת כְּתִיבָה** וואס די ווערטער ווערן אנגערופן מיטן נאמען 'כתיבה'

**אֲבָל בְּהַגִּיעוֹ לְהַזְכִּיר הַשֵּׁם הַקָּדוֹשׁ שֶׁנִּקְרָא בְּחִינַת חֲתִימָה** אבער ווען ער קומט צו דערמאנען די הייליגע שמות וואס ווערט אנגערופן אין לשון חז"ל מיטן נאמען חֲתִימָה. **כְּמַאֲמַר חֲזַ"ל** (ברכות יא.) **בְּמָקוֹם שֶׁאָמְרוּ לַחְתּוֹם וְכוּ'** אזוי ווי חז"ל באנוצן זיך און רופן אן דעם באשעפער'ס נאמען מיט די לשון 'חתימה' אזוי ווי עס שטייט אין משנה 'אין די פלאץ וואס מען האט געהייסן 'חותם זיין' (זאל ער 'חותם זיין'), **פֵּירוּשׁ לַחְתּוֹם בַּשֵּׁם** די ווארט 'חותם זיין' מיינט צו ענדיגן די ברכה מיטן שם.

**וּבְהַגִּיעוֹ לְהַחֲתִימָה הַקְּדוֹשָׁה הַהוּא שֶׁהוּא הַשֵּׁם הַגָּדוֹל הַגִּבּוֹר וְהַנּוֹרָא בָּרוּךְ הוּא** און ווען ער קומט אן צו די 'חתימה' וואס מיינט דעם נאמען פונעם גרויסן און שטארקן און פארכטיגן באשעפער – געבענטש זאל זיין די נאמען, **אֲזַי עַל כָּל פָּנִים מֵאִיר עָלָיו אוֹר אֱלֹהִי** דעמאלסט שיינט כאטש אויף אים די געטליכע ליכטיגקייט, **וְנִתְמַלֵּא אֵימָה וָפַחַד וְיִרְאָה וְרֶתֶת וְזִיעָה מִפְּנֵי אוֹר ה' הַמֵּאִיר עָלָיו** און ער ווערט אנגעפילט מיט א ציטער און א פארכט און טרייסלניש פון וועגן די געטליכע ליכטיגקייט וואס שיינט אויף אים.

[ד]

## די בקשה פון כתבנו לחיים

**וְזֶהוּ שֶׁאָנוּ מְבַקְּשִׁים כָּל עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה 'כָּתְבֵנוּ לְחַיִּים'** און דאס איז וואס אונז דערמאנען און בעטן א גאנצע עשרת ימי תשובה די בקשה 'כתבנו לחיים', **רְצוֹנוֹ לוֹמַר לְחַיִּים נִצְחִיִּים** דאס מיינט צו אייביגע רוחניות'דיגע לעבן.

**פֵּירוּשׁ שֶׁתִּהְיֶה הַכְּתִיבָה הֵן הָאוֹתִיּוֹת אֲשֶׁר נִכְתָּבִים לִפְנֵי ה'** דאס מיינט אז סיי די 'כְּתִיבָה' וואס דאס מיינט די געשריבענע אותיות וואס שטייט פאר די באשעפער'ס נאמען, **שֶׁנִּקְרָאִים כְּתִיבָה כַּנַּ"ל** וואס די פשוטע אותיות ווערן אנגערופן מיט די נאמען 'כתיבה', **שֶׁיִּהְיֶה לְחַיִּים נִצְחִיִּים**[י] אז ס'זאל זיין צו א אייביגע לעבן.

**רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁיָּאִירוּ עָלֵינוּ אוֹר ה' הַגָּנוּז בְּתוֹכָם בְּלִי הֶסְתֵּר פָּנִים כְּלָל** וואס די בקשה פון 'כתבנו לחיים' מיינט צו זאגן אז עס זאל שיינען אויף אונז די ליכטיגקייט פונעם באשעפער וואס איז באהאלטן אין די אותיות אן קיין שום הסתר פנים, **וּמִכָּל שֶׁכֵּן בְּהַזְכִּירֵנוּ הַשֵּׁם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא מְמֵילָא יָאִיר וְיִתְעוֹרֵר עָלֵינוּ כַּנַּ"ל**[יא] און אוודאי פאר זיכער ווען אונז דערמאנען די נאמען פונעם גרויסן און פארכטיגן באשעפער זאל שוין פון זיך אליין שיינען און דערוועקט ווערן אויף אונז ווי אויבענדערמאנט די הייליגע אורות.

> פֵּירוּשׁ שֶׁתִּהְיֶה הַכְּתִיבָה הֵן הָאוֹתִיּוֹת אֲשֶׁר נִכְתָּבִים לִפְנֵי ה', שֶׁנִּקְרָאִים כְּתִיבָה כַּנַּ"ל שֶׁיִּהְיֶה לְחַיִּים נִצְחִיִּים.
>
> רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁיָּאִירוּ עָלֵינוּ אוֹר ה' הַגָּנוּז בְּתוֹכָם בְּלִי הֶסְתֵּר פָּנִים כְּלָל, וּמִכָּל שֶׁכֵּן בְּהַזְכִּירֵנוּ הַשֵּׁם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא מְמֵילָא יָאִיר וְיִתְעוֹרֵר עָלֵינוּ כַּנַּ"ל.
>
> אָמְנָם בְּהַגִּיעַ בְּסוֹף יְמֵי הַדִּין, הַיְינוּ בִּתְפִלַּת נְעִילָה, אֲזַי אָנוּ מְבַקְשִׁים שֶׁבְּאִם חַס וְשָׁלוֹם לֹא זָכִינוּ לִכְתִיבָה לְחַיִּים, רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁבְּזָכְרֵנוּ שְׁאָר הַתֵּיבוֹת שֶׁקּוֹדֶם הַשֵּׁם שֶׁנִּקְרָאִים כְּתִיבָה לֹא יָאִירוּ עָלֵינוּ חַס וְשָׁלוֹם הָאוֹרוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת.
>
> עַל כָּל פָּנִים מְבַקְשִׁים אֲנַחְנוּ שֶׁלְּכָל הַפָּחוֹת יִהְיֶה הַחֲתִימָה לְחַיִּים, רְצוֹנוֹ לוֹמַר בְּזָכְרֵנוּ הַשֵּׁם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא בָּרוּךְ הוּא אֲזַי יִהְיֶה לְחַיִּים טוֹבִים וְנִצְחִיִּים בְּאוֹר גָּדוֹל כַּנַּ"ל, כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן.

## די בקשה פון תפילת נעילה חָתְמֵנוּ לְחַיִּים

**אָמְנָם בְּהַגִּיעַ בְּסוֹף יְמֵי הַדִּין** אבער ווען עס קומט אן די ענדע פון די ימי הדין, **הַיְינוּ בִּתְפִלַּת נְעִילָה** וואס דאס מיינט ביי די תפילת נעילה, **אֲזַי אָנוּ מְבַקְשִׁים שֶׁבְּאִם חַס וְשָׁלוֹם לֹא זָכִינוּ לִכְתִיבָה לְחַיִּים** דעמאלסט בעטן אונז אז אויב אונז זענען חס ושלום נישט זוכה צו די בחינה פון 'כְּתִיבָה לְחַיִּים' אז די פשוטע ווערטער פון תורה און תפלה זאל לייכטען אויף אונז, **רְצוֹנוֹ לוֹמַר שֶׁבְּזָכְרֵנוּ שְׁאָר הַתֵּיבוֹת שֶׁקּוֹדֶם הַשֵּׁם שֶׁנִּקְרָאִים כְּתִיבָה לֹא יָאִירוּ עָלֵינוּ חַס וְשָׁלוֹם הָאוֹרוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת** וואס עס מיינט צו זאגן אז ווען אונז וועלן דערמאנען און זאגן די אנדערע הייליגע ווערטער פון תורה ותפלה נאך פארן זאגן דעם באשעפער'ס נאמען וואס דאס ווערט אנגערופן 'כְּתִיבָה' און עס וועט חס ושלום נישט שיינען אויף אונז די הייליגע אורות.

**עַל כָּל פָּנִים מְבַקְשִׁים אֲנַחְנוּ שֶׁלְּכָל הַפָּחוֹת יִהְיֶה הַחֲתִימָה לְחַיִּים** דעמאלסט בעטן אונז אז כאטש צום ווייניגסטן זאל זיין די 'חֲתִימָה לְחַיִּים', **רְצוֹנוֹ לוֹמַר בְּזָכְרֵנוּ הַשֵּׁם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא בָּרוּךְ הוּא אֲזַי יִהְיֶה לְחַיִּים טוֹבִים וְנִצְחִיִּים בְּאוֹר גָּדוֹל כַּנַּ"ל** דאס מיינט אז ווען אונז דערמאנען דעם באשעפער'ס גרויסען און הייליגן נאמען זאל עס זיין צו א גוטע און אייביגע און שטענדיגע לעבן ווי אויבענדערמאנט.

**כֵּן יְהִי רָצוֹן אָמֵן**[יב].

י. דאס מיינט 'כְּתבנוּ' אז די כתיבה זאל זיין אין די בחינה פון לחַיִּים, וואס מיינט א אייביגע לעבן, חַיִּים נצחִיִּים.

יא. און מיט דעם איז פארענטפערט די ערשטע קשיא פונעם בת עין וואס מיינט די פסוק צו זאגן מיט די ווערטער **לִפְנֵי ד'**, נאר יעצט פארשטייט מען אז די פסוק זאגט אונז אז אין דעם הייליגען טאג יום כיפור וועלן אונז צוקומען צו אזא מדריגה פון שפירן די הייליגע אורות אין די ווערטער פון תורה ותפלה אפילו אין די ווערטער וואס איז 'לפני ה'' נאך פארן ארויסזאגן דעם באשעפער'ס נאמען וואס דאס מיינט די בחינת 'כתיבה'.

יב. אונז האבן דא אויסגעלאזט א שטיקל תורה פונעם בת עין וואס גייט אביסל אוועק פונעם המשך הדרוש און ער שמועסט מער טיפערע ענינים, און אונז וועלן צוריקומען דערצו אין א אנדערע געלעגנהייט בעזהשי"ת.

**ברכת מזל טוב**
לידידנו הנכבד הר"ר **ליפא וועכטער** נ"י
מגדולי עסקני ק"ק סאטמאר וממקימי המוסדות הק'
לרגל פתיחת חנותו החדש בעיר התורה והחסידות לינדען יצ"ו
יצו השם אתו הברכה ויזכה להרבות פעלים לתורה ולחסידות וימלא השם כל משאלות לבו לטובה ויזכה לכתיבה וחתימה טובה

כך כותב הבית יוסף הלכות ראש השנה, **נודרין לעילוי נשמת הצדיקים כי הם ממליצים על צאצאיהם**, דער בת עין האט נישט איבערגעלאזט קיין קינדער אבער מיט אייער שטיצע קויפט איר אייך אים איין אלץ א מליץ יושר.

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com